גליון לחיזוק וביסוס הבית היהודי על אדני השמחה והשלום

גליון כ"ב

# בנין עדי עד

אויסגאבע פון חיזוק און השקפה פאר די אידישע שטוב, אריינצוברענגען שמחה און שלום

תשע"ב לפ"ק

# בנה ביתך

## דער באדייט פון כבוד

ווי שוין גערעדט און באשריבן אין די פריערדיגע גליונות, אז "אהבה" הייבט זיך אן מיט מעשים, וואס דאס האט נאכדעם ווירקונג אויפ'ן הארץ. און אין דעם איז נישטא קיין אונטערשייד צווישן מאן און פרוי, ביי ביידע איז דער איינציגער ריכטיגער וועג אריינצוברענגען "אהבה אחוה שלום וריעות", דורך טון איינער פאר דעם צווייטן, וואס מער, אן חשבונות, מיט אויסגערעכנטקייט, און דאס וועט בעז"ה ברענגען און פארמערן שלום אין שטוב.

די גמרא זאגט: הנותן פת לתינוק צריך להודיע לאמו. אז איינער גיט א ברויט פאר א קינד, זאל ער זיכער מאכן אז די עלטערן וויסן פון דעם. זאגט רש"י דער טעם, כדי די עלטערן זאלן זען אז יענער האט זיי ליב, און דאס וועט פארמערן ליבשאפט און פריינדשאפט צווישן אידן.

דאס ברענגט אויך שטארק ארויס וואס מען האט געשריבן, אז די מעשים וואס מען טוט איינער פאר'ן צווייטן, דאס איז דער עיקר גורם פון ריכטיגע אהבה און פריינדשאפט. ווען איינער באקומט עפעס פון צווייטן, שפירט דער וואס האט באקומען "יענער האט מיר ליב", און די מחשבה ברענגט אטאמאטיש אריין אין דעם מקבל א ליבשאפט צו דעם נותן, און כמים פנים אל פנים, גייט דאס צוריק פון דעם נותן צום מקבל. און אזוי ווערט פארמערט שלום און אהבה צווישן אידן. און דאס איז אויסער דעם וואס דאס עצם געבן פאר'ן צווייטן, ברענגט אריין אהבה, פון דעם נותן צו דעם מקבל.

צווישן די פעולות וואס גייט אריין אין כלל פון געבן – און אפשר גאר די וויכטיגסטע – איז אפגעבן כבוד.

די גמרא האט דאס צוזאמגעשטעלט איינס נעבן צווייטן "אוהבה כגופו ומכבדה יותר מגופו", דאס מיינט אז די צוויי זענען פארבינדן, אנצוקומען צו דעם אוהבה כגופו, דארף מען מקיים זיין דעם מכבדה יותר מגופו. די זעלבע איז פון די פרוי צו דעם מאן, כדי אריינצוברענגען א גייסט פון פריינדשאפט, דארף זיין שטארק אוועק געשטעלט דער כבוד וואס די פרוי דארף אפגעבן דעם מאן.

אבער כאטש אין דעם לשון הקודש אויסדרוק איז דאס איין איינציג ווארט "כבוד" - וואס דער אפטייטש אויף אידיש איז "רעספעקט" -. איז אבער דער באדייט פון כבוד פארשידנארטיג, און גאר אנדערש ביי יעדן מענטש. דאס ווענדט זיך שוין מיט וועמען מען האנדלט, און לויט דעם פארלאנגט זיך אן אנדערע סארט כבוד, צוגעפאסט לויט יענעמ'ס עלטער, שטאנד, נאטור און געברויך.

יעדער מענטש לויט זיין מצב אין געזעלשאפט פארלאנגט אן אנדערע סארט כבוד, עס איז דא כבוד מלכים, וואס מען איז פארפליכטעט זיך צו פירן כלפי א קעניג און זיין קעניגרייך, עס איז דא כבוד וואס מען דארף געבן פאר א רבי'ן, אזוי אויך כיבוד אב ואם, כבוד חברים, כבוד פאר א תלמיד, ביי יעדן סארט כבוד איז געוואנדן לויט זיין פאזיציע און וואספארא באציאונג מיר האבן מיט אים, רבי, חבר, תלמיד אא"וו. טייל מאל קען אפילו זיין אז דער כבוד פאר איין מענטש איז א בזיון פאר א צווייטן.

- אייזיק איז א חשובער אינגערמאן פון די קהלה, ווען ער קומט אריין ביי א מסיבה, דארף זיך קיינער נישט אויפשטעלן פאר אים, אדרבה, אויב וועלן זיך עטליכע אויפשטעלן פאר אים וועט ער שטארק פארשעמט ווערן, עס וועט אויסזען ווי מען מאכט חוזק פון אים, דאס מערסטע וואס ער דארף, מען זאל צוקומען צו אים און מכבד זיין מיט א בענקל און א שטיקל קוגל.
- ר' ישראל איז א בארימטער מגיד שיעור, אריינקומענדיג צו די בר מצוה, וועט אים נישט שטערן אויב עטליכע וועלן זיך אויפהייבן, עס פארלאנגט זיך אויך א ספעציעלע ברוך הבא, פרובירן ארויפזעצן אויבן אן, און ארויסווייזן א שעצונג פארן קומען באשיינען די שמחה.

געבן גלילה אין בית המדרש, קען זיין פאר איינעם א כבוד, און פאר איינעם א בזיון, ווענדט זיך וואס זענען די אומשטענדן. אונטער רוקן א בענקל צו זיצן, קען זיין פאר איינעם א ליצנות און פאר א צווייטן א גרויס כבוד, מען דארף שטענדיג זען מיט וועמען מען האנדלט און לויט דעם אפגעבן דעם פארדינטן כבוד.

מען וואלט געקענט צוטיילן דעם באגריף פון כבוד און דריי:

די ערשטע. מען איז מכבד יענעמ'ס פאזיציע, און מען גיט אפ פאר דעם דעם פארדינטן און ריכטיגן רעספעקט און כבוד וואס פארלאנגט זיך, און אזוי אויך נישט טון אזעלכע מעשים וואס ווייזט פאר יענעם אז מען טוט גרינגשעצן זיין פאזיציע, אדער נאך ערגער, מען אנערקענט נישט אין דעם פאזיציע.

אין דעם כלל גייט אריין, כבוד פאר א קעניג, שר, רבי, אז מען דארף זיך פירן אנטקעגן זיי מיט א געוויסע סארט רעספעקט וואס זאל ארויס ווייזן אז דו ווייסט און דו אנערקענסט אז זיי שטייען אויף דעם געהויבענעם שטאנד, און דערפאר פירסטו דיר אנטקעגן זיי מיט אונטערטעניגקייט און אלעס וואס פארלאנגט זיך, ווי זיך

צו מנדב זיין א גליון לעילוי נשמת וכדו' כדי לזכות את הרבים רופט: 347-554-1199 אדער שיקט א אימעיל צו binyan@yeshivanet.com

אויפשטעלן, נישט זיצן אויף זייער בענקל, רעדן מיט הכנעה אויף א אופן וואס ברענגט ארויס זייער גרויסקייט און דיין ווייניגקייט אנטקעגן זיי, אנעמען זייערע אנווייזונגען, און אויספאלגן.

און דאס קען אויך אריינעמען אין זיך, כבוד וואס מען גיט פאר דעם בעל הבית אין די ארבייט, אדער דער בעל הבית פון יעדן געשעפט וואו דו קומסט אריין. דער רייניגער פון בנין, פארלאנגט אויך זיין מינימום כבוד וואס דאס זאל ארויסווייזן אז "ער" איז דער רייניגער דא, און נישט דו.

די צווייטע. מען ווייזט פאר יענעם אז ער איז חשוב אין מיינע אויגן, ער איז ווערטפול, ער איז א יש, א מענטש צום טיש, זיין מיינונג איז אויך א מיינונג, ער גיט עפעס צו צו די געזעלשאפט, און פארשטייט זיך אז מען טוט נישט / אדער מען רעדט נישט, דאס וואס ברענגט ארויס די פארקערטע. דאס שטעלט זיך אויס בעיקר צווישן פריינד / געשוויסטער. אבער איז שייך אויף יעדן פאל, אויך כלפי א קעניג, רבי, און עלטערן

די דריטע. מען רעכנט זיך מיט יענעמ'ס געפילן, מען פארשטייט יענעמ'ס מצב, און לויט דעם טוט מען / אדער מען טוט נישט, וואס איז וויכטיג אין די צייט. דאס קען זיין אפילו כלפי קליינע קינדער, אייגענע צו פרעמדע, אדער תלמידים, וואס מען ווייזט אים, אז מען רעכנט זיך מיט אים, און מען צוקלאפט נישט זיינע געפילן, מען לאזט יענעם זיין זיך אליין, און מען פארשטייט אז ער איז אייגנארטיג, און האט א רעכט צו זיין אייגנארטיג, און דערפאר רעכנט מען זיך מיט זיינע ספיציעלע – און טייל מאל סענסיטיווע - געברויכן.

כבוד צווישן א מאן און א פרוי נעמט אריין אין זיך אלע אויבנדערמאנטע, דער מאן איז דער מלך אין שטוב און די פרוי די מלכה, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (קאפיטל מ"ה פסוק י"ב און פסוק י"ד), און די פרוי דארף מכבד זיין דעם מאן אזוי ווי א הער, ווי דער רמב"ם זאגט "ויהיה בעיניה כמו שר או מלך" ער זאל זיין אין אירע אויגן אזוי ווי א הער און א קעניג. אזוי אויך נעמט דאס אריין דער פשוטער באגריף פון "כבוד חברים" מיט גאר א שטארקע געווארנטקייט, אבער עקסטער איז אויך דא א געוויסע סארט כבוד און קעגן שעצונג וואס קען ווערן ארויסגעברענגט נאר צווישן א מאן און א פרוי, וואס איז כמעט נישט שייך אויף אן אנדער אופן.

אבער צום ערשט דארף מען פארשטיין און וויסן אז די זעלישע געברויכן פון א מאן און א פרוי זענען ווייט כרחוק מזרח ממערב, דאס וואס ווערט אונטערקויפן א פרוי, ווערט נישט ארבעטן ביי א מאן, און דאס ווערט צופרידנשטעלן א מאן ווערט נישט זאגן גארנישט ביי א פרוי. און דערפאר ווען מען וויל מקיים זיין ריכטיג דעם "מכבדה יותר מגופו" מוז מען קלאר פארשטיין וואס איז דער געברויך פון א פרוי וואס מיט דעם קען מען ארויסברענגען די ריכטיגע שעצונג צו איר, און אזוי אויך פארקערט, די פרוי זאל פארשטיין מיט וואס זי קען ארויסברענגען איר ריכטיגע שעצונג צו דעם מאן.

מען וואלט געקענט זאגן אז דער הויפט חילוק פון די צוויי איז, אז אין די צייט ווען ביי דעם מאן איז דער עיקר די ערשטער סארט כבוד וואס מיר האבן פריער אויסגערעכנט, מען זאל אים אנעמען ווי דער בעל הבית אין שטוב. שפילט ביי די פרוי דער עיקר ראלע, דער צווייטער באדייט פון כבוד, כאטש יעדער דארף אפגעבן דעם צווייטן דעם פארדינטן כבוד פון אלע דריי. און דאס ווערט בעז"ה ווערן אויסגעשמועסט אין קומענדיגע געלעגנהייט.

## ? שואל ומשיב !

**שאלה:** ליינענדיג אין די לעצטע גליונות וועגן "געבן", אז מען דארף וויסן צו געבן מיט מחשבה, די ריכטיגע זאך אויף דעם ריכטיגן פלאץ. וויל איך פרעגן, וואס טוט מען אבער אויב מען באקומט עפעס פון דעם מאן, וואס איז די נישט ריכטיגע זאך וואס מען דארף, וויאזוי זאל מען רעאגירן? זאל איך אנשטעלן א פנים אזוי ווי איך בין צופרידן מיט דעם ווען איך בין באמת נישט? אדער אים זאגן קלאר אז נישט דאס האב איך געדארפט? אדער זיך נישט מאכן וויסנדיג?

**תשובה:** איר שרייבט נישט ארויס קלאר וואספארא סארט "געבן" דאס איז, צו איז דא א גוט ווארט וואס באקומט נישט, צו איז דאס א אומגעוואונטשענעם חפץ וואס מען האט באקומען פאר א מתנה, צו אנגעבאטענע הילף וואס איז נישט אויפ'ן פלאץ.

ווען די רעדע איז פון א קאמפלימענט אד"ג וואס האט נישט אויסגעפעלט, איז פארשטייט זיך נישטא פון וואס צו מאכן א עסק, מען נעמט דאס אן און מען גייט ווייטער, פארשטייט אז אייער מאן האט אייך געוואלט "געבן א גוט ווארט", און אז עס איז נישט געלונגען, איז זיין גוטע כוונה נאך געבליבן.

ווען מען באקומט אבער א מתנה, וואס מען זעט נישט אין דעם קיין שום נוצן, און מען ווייסט נישט וואס צו טון מיט דעם. צום ערשט אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו, קוק נישט אויף די מתנה זעלבסט, נאר וואס ליגט אונטער דעם, אייער מאן האט אייך געוואלט מהנה זיין מיט עפעס, און ער האט דאס ארויסגעוויזן מיט'ן קויפן די מתנה, אפגעזען וואס די מתנה איז, ווען איר ווערט דאס נעמען אין באטראכט, ווערט איר אים קענען אויפריכטיג, פרייליך און צופרידן, באדאנקען פאר זיין גוטע טאט.

מיט די מתנה אליין? איר ווערט אייך שוין א עצה געבן. פרובירט צו מאכן עפעס פון דעם, אויב עס גייט נישט, קענט איר אים זאגן, אז באמת ווען ער האט דאס געקויפט זענט איר געווען מורא'דיג צופרידן, און איר האט געטראכט אז איר ווערט דאס קענען נוצן דורך.... און איר האט פרובירט, אבער עס ארבעט זיך נישט אויס... אבער נאך אלס שעצט איר זיין מתנה.....

אויב איז דאס א נאכאנאנדיגע זאך, ווי למשל ער קויפט בלומען יעדן ערב שבת, און עס גיט אייך גארנישט צו, איר זעט נישט אין דעם קיין שום נוצן, און עס טוט אייך וויי אז ער גיט אויס געלט פאר גארנישט, קענט איר אים זאגן אז איר פריידט זיך שטארק צו די בלומען, אבער איר וואלט געקענט באשטיין, אז דאס זאל נישט זיין אזוי אפט, ווייל דעמאלס ווערט איר האבן א גרעסערע שמחה ווען ער ברענגט דאס אהיים.

הילף אין די נישט ריכטיגע מינוט, קען מען שטארק באדאנקען פאר'ן גוטן ווילן, און ארויסגעבן וויפל די אנבאט אליין מיינט פאר אייך, כאטש יעצט אין די מינוט נויטיגט איר זיך נישט אין דעם, און איר קענט צולייגן אז אויב עס איז מעגליך וואלט ער אייך געקענט ארויסהעלפן יעצט מיט עפעס אנדערש.

# בחכמה יבנה בית

## רעיון בנושא שלימות הבית, בקשר לפרשת השבוע

### *בנין הבית ע"י קבלת עול תורה, עול מלאכה ועול אשה*

בספרים הביאו מדרש פליאה וזה תוארה. בן זומא אומר מצינו פסוק הכולל יותר בתורה שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, בן ננס אומר מצינו פסוק הכולל יותר ואהבת לרעך כמוך, בן פזי אומר מצינו פסוק הכולל יותר את הכבש אחד תעשה בבקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים, עמד ר' פלוני על רגליו ואמר הלכה כבן פזי שנאמר ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו וכן תעשו ע"כ. ודברי המדרש אלו נפלאים ונסתרים וכבר עמדו ע"ז בהרבה ספרים ואף אנן נימא בי' מילתא.

ונקדים משחז"ל במדרש איכה עה"פ טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו, שזהו עול תורה, עול אשה, עול מלאכה, ע"כ. והמורם מזה ששלימות האדם בעולמו הוא ע"י שנושא עליו ג' עולות אלו.

והדבר מבואר ופשוט, כי בלתי נשיאת עול תורה עדיין האדם חסר וריק, ולא הגיע לשלימותו, וע"ז נאמר טו"ב לגבר, כי התורה טוב הוא, כמ"ש כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזבו, והוא דבר שא"צ לפנים ולהאריך בראיות ע"ז, כי זה כל האדם, ואם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי, ושפיר טוב לגבר שישא עליו עול התורה בנעוריו, ולא יהיה מאלו שנאמר אליהם (קהלת י"א ט') שמח בחור בילדתך ויטיבך לבך בימי בחורותיך וגו' ודע כל על כל אלה יביאך אלקים במשפט.

ומקרא מלא הוא (בראשית מ"ו) וירא מנוחה כי טוב ואת הארץ כי נעמה ויט שכמו לסבל. ופירש"י שקיבל עליו עול תורה ועיי"ש ברבינו בחיי, עכ"פ מבואר הוא כי נשיאת עול תורה, טוב הוא לאדם, ועל ידה יגיע לתכלית הנרצה.

ועול מלאכה, היינו עול נשיאת הפרנסה, שע"ז אמרו חז"ל טוב תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון, והוא שאלה ראשונה בשעה שמכניסין אדם לדין (שבת ל"א) נשאת ונתת באמונה, והנושא עליו עול מלאכה, מועיל לו לשלימות נפשו בעולמו.

והעול השלישי הוא עול אשה, שע"ז אמרו בתורה (בראשית ב' י"ח) לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו. שעל ידה דוקא ישיג השלימות, כמ"ש בזוה"ק כי טרם שנשא אדם הוא פלג גופא, וע"י הנישואין נשלם, וחלק הנשמה שהי' אבוד ממנו, נמצא אתו ע"י הנישואין כמ"ש האר"י הק', ע"ד משחז"ל (קידושין ב:) משל לאדם שאבדה לו אבידה, ואמרו חז"ל (יבמות ס"ב:) השרוי בלא אשה שרוי בלא תורה בלא ברכה בלא שמחה עיי"ש. וכבר האריכו בספה"ק בענין זה.

### פלוגתא דתנאי איזה מהני ג' הוא העיקר

ועפ"ז י"ל שנחלקו הני תנאי מהו עיקר הדבר שבו תלוי שלימות האדם בעולמו, ועל ידי עול זה סגי לו להשלים חלקי נר"נ שלו להיות מוכן למטעם מעין החיים, וע"ז אמר בן זומא שראשית הכל ועיקרא דמילתא הוא לקבל עליו עול תורה ומצות, ורמזו בקרא שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, שהוא שורש כל התורה כולה, כי כל מצותיך אמונה, ובו כלול הכל.

ורמז במ"ש מצינו פסוק "שכולל" יותר, י"ל עפמ"ש בתנא דבי אליהו (רבה, ב' ז') אשרי אדם השם עצמו כשור לעול וכחמור למשא וישב ויהגה בכל יום בתורה תמיד וכו' ע"כ. והנה כול"ל הוא נוטריקון כ'שור ל'עול ו'כחמור ל'משא, וכאן איירינן באיזה עול עדיף טפי שהאדם יקבל על עצמו לצורך תיקון נפשו, וע"ז קאמר מצינו פסוק הכול"ל יותר, ר"ל פסוק שרמוז איזה עול ישים האדם על עצמו.

### שיטת בן ננס

ובן ננס ס"ל שצריך לקבל על עצמו ג"כ עול מלאכה, כי בלי המלאכה יאבד התורה שבידו ודוקא ע"י שניהם ביחד יתקיים האדם בעולם, וכמ"ש חז"ל טוב תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון, וכן אמרו אם אין קמח אין תורה אם אין תורה אין קמח, ומזה ומזה אל תנח ידך, וע"כ מביא הקרא ואהבת לרעך כמוך, כי פסוק זה הוא בדרך כלל על מצות של בין אדם לחבירו, והעיקר הוא ע"י עסק במו"מ שאז יוצא לפועל לקיים המצות בין אדם לחבירו להיות זהיר במשא ומתן באמונה וכו', ופסוק זה כולל ג"כ הפסוק של שמע ישראל, כי המשא ומתן הוא עצמו אמונה, כמ"ש חז"ל (שבת ל"א.) עה"פ והי' אמנת עתיך וגו', אמונה זה סדר זרעים.

ויומתק מאד ע"פ משחז"ל (ב"ב פרק י' משנה ח') אמר ר' ישמעאל הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות שאין לך מקצוע בתורה גדול מהן שהן כמעין הנובע, והרוצה שיעסוק בדיני ממונות ישמש את שמעון בן ננס ע"כ. הרי מזה שבן ננס הי' גדול מאד בדיני ממונות, וא"ש עם דברינו שבן ננס ס"ל שהעיקר הוא משא ומתן באמונה לקבל עול עצמו עול מלאכה.

ושמחתי כעל כל הון, אחרי שמצאתי בליקוטי מוהר"ן (תורה ל"ה) וזל"ק כשעוסק במשא ומתן באמונה, אזי המוחין, היינו נשמתו, באה לתוך אמונה, בבחינת: "חדשים לבקרים", ונתחדשו שם, ונתחזקו מעיפותם. וזה שאמרו חכמינו, זכרונם לברכה (בבא בתרא קע"ה:) 'הרוצה להחכים יעסק בדיני ממונות', היינו הרוצה לחדש את שכלו, היינו נשמתו. יעסוק בדיני ממונות, היינו משא ומתן באמונה. "כי העוסק במשא ומתן באמונה, הוא בודאי עוסק בדיני ממונות. כי כל דיני ממונות שייך למשא ומתן", כי אי אפשר לעסק במשא ומתן באמונה, כי אם בקי בדיני ממונות, שלא


*פאר יעוץ און הדרכה*
*אין עניני שלום בית*
רופט הרב **יצחק לויפער**
***718-789-1456***
שטרענג קאנפידענשל - גוטע פרייזן
**בהמלצת הרבנים שליט"א**

יכשל בהם ע"כ. ועיי"ש בהמשך הדברים שמרמז עד"ז מ"ש חז"ל ישמש את שמעון בן ננס.

וכ"כ בליקו"מ (תורה ר"פ) באמת כל המשא ומתן הוא תורה, כי למשל הדין המחליף פרה בחמור הוא תורה ומכל שכן כשעושין הדבר בעצמו הוא בודאי תורה, (וכמו שמספרין כל זה בשם הבעל שם טוב זכרונו לברכה). ועל כן כשעושין משא ומתן, צריך שיקשר מחשבתו רק בהתורה והדינים המלובשים שם ע"כ. והרי לך כדברינו, שעול תורה מונח בעול מלאכה. (ועיי"ש עוד לבאר ענין משא ומתן "באמונה". ותראה כדברינו).

## שיטת בן פזי

ובן פזי אומר שעיקר שלימות האדם רמוז בקרא את הכבש אחד תעשה בבקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים, ע"ד שכ' אא"ז זצ"ל באהל תורה (ויקהל) לפרש מ"ש חז"ל גבי חזקי' המלך (ברכות י.) וז"ל מה עשה הקב"ה הביא יסורים על חזקיהו ואמר לו לישעיהו לך ובקר את החולה וכו' ויבא אליו ישעיהו בן אמוץ הנביא ויאמר אליו כה אמר ה' צו לביתך כי מת אתה ולא תחיה וגו' מאי כי מת אתה ולא תחיה מת אתה בעולם הזה ולא תחיה לעולם הבא אמר ליה מאי כולי האי אמר ליה משום דלא עסקת בפריה ורביה א"ל משום דחזאי לי ברוח הקדש דנפקי מינאי בנין דלא מעלו א"ל בהדי כבשי דרחמנא למה לך מאי דמפקדת איבעי לך למעבד ומה דניחא קמיה קודשא בריך הוא לעביד ע"כ.

ודקדק באהל תורה מ"ש בהדי "כבשי" דרחמנא למה לך, ויישב עפמש"כ בספה"ק ברית כהונת עולם, דגבי קרבן תמיד נרמז סוד איש ואשה, כי פ"א כ' לחמי לאש"י אותיות אי"ש ופ"א כ' אש"ה ריח ניחוח לה', אתוון אש"ה עכ"ד הברית כהונת עולם, והוסיף באהל תורה, דהנה האשה נקנית בכ'סף וש'טר וב'יאה, שהם ר"ת כב"ש, וז"ש גבי קרבן תמיד (במדבר כ"ח) את הכב"ש האחד תעשה בבקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים, עדה"כ (קהלת י"א) בבוקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך, ודרשו חז"ל (יבמות ס"ב) נשא אדם אשה בילדותו ישא אשה בזקנותו, וזהו את הכב"ש אחד תעשה בבקר, היינו בין בילדותו, ישא אשה, וכן בין הערבים כשהוא בזקנותו.

וע"כ חזקי' שהי' בא בימים אמר לו ישעי' בהדי כבש"י דרחמנא למה לך, היינו כיון שאתה רואה בהדי כבשי דרחמנא הם שני כבשים של תמיד, שאחד נקרב בין הערבים לזאת גם אתה תקח אשה לעת כזאת, כי גבי כבשים נרמז רזא דאיש ואשה כנ"ל ולפי סברתך למה לך שני כבשים אחד בבוקר ואחד בין הערבים עכתו"ד. (ועי' בגליון לפ' ויקרא מש"כ בענין זה דברים נחמדים).

וזה דעת בן פזי, ששלימות האדם תלוי בנישואי אשה הרמוז בפסוק את הכבש אחד תעשה בבקר כנ"ל, כי ע"י נישואין אשה יוכל ללמוד תורה בטהרה כמ"ש חז"ל (יומא ע"ב) יראת ה' טהורה עומדת לעד אמר רבי חנינא זה הלומד תורה בטהרה מאי היא נושא אשה ואחר כך לומד תורה ע"כ. וכ' (משלי י"ח כ"ב) מצא אשה מצא טוב, ופירש"י מצא תורה. וכן אמרו חז"ל השרוי בלא אשה שרוי בלא תורה, ונמצא שמונח כבר בנישואי אשה לימוד התורה.

ולא עוד אלא שבפסוק זה יש לרמז גם העול של תורה וגם העול של מלאכה, ונמצא שפסוק זה כולל יותר, היינו שכולל הכל, דהנה הרבינו בחיי (במדבר כ"ח ד') כ' על פסוק זה וז"ל את הכבש אחד. היה לו לומר האחד אבל בא לרמוז שהיו עסוקין בתמיד שלש עשרה כמנין אחד ולכך אמר את הכבש אחד לרמוז את הכבש של אחד, כלומר לשם ה' אחד. ע"כ. והרי מונח בקרא הוראה ברורה לה' אחד.

וכמו כן גם הענין של משא ומתן באמונה, רמוז היטיב בקרא זה כמ"ש בליקוטי מוהר"ן (ח"א תורה ל"ה) וזל"ק וכשאדם עוסק במשא ומתן באמונה, עוסק בדיני ממונות, היינו פשטא אורייתא, זהו בחינת "הקרבת הקרבן תמיד" ע"כ. (עיי"ש באורך ביאור הדברים ע"ד סוד) הרי קמן שבסוד הקרבת התמיד מצינו שכולל עול תורה, עול מלאכה, ועול אשה, וזה מה שאמר בן פזי מצינו פסוק שכולל יותר.

וע"ד פשוט הכוונה, כי כשהאדם נושא אשה, בהכרח צריך הוא לקבל עליו עול מלאכה, וכמו שמחייב עצמו בכתובה "ואיזון ואפלח ואוקיר", והוא מחיובי הבעל על אשתו לפרנסה, וכמו"כ בהכרח שיקבל עליו עול תורה, כשמקדש את האשה "כדת משה וישראל", ובכן ס"ל לבן פזי, דשלימות האדם תלוי בזה שישא אשה, ואז יצטרך בע"כ - אם רוצה להנהיג את ביתו על מי מנוחות בלי פגע ומכשול - עול תורה ועול מלאכה.

והמעיין יראה שהני ג' הר"ת שלהם הוא אמ"ת, א'שה מ'לאכה ת'ורה, לומר לך, כי אמת כתיב ביה וקושטא קאי, ורק אחר שקיבל עליו לשאת בעול הני, לקיים שלש אלה, אז ביתו יהי' נכון ונשא, ומי שמעיין בצרכי ביתו ומוצאו רעוע וחלש, יעיין היטב האם לא פגם בא' מהני שלשה, ויתקן בדקי הבית, ואז ימצא נחת ונופש לנפשו.

ויתבאר נמי סיפא דהאי מדרשא, עמד ר' פלוני על רגליו ואמר הלכה כבן פזי שנאמר ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו וכן תעשו ע"כ. כי ידוע כי זיווג איש ואשה, הוא כדוגמת בנין המקדש, ולא עת האסף פה מפי ספרים וסופרים, והביא ר' פלוני ראי' שכן הלכה, שע"י נישואי אשה יזכה לרב טוב, וכמ"ש "וכן תעשו" ופירש"י "לדורות". וידוע שכל התורה כולה הוא נצחי, ולפ"ז איך שייך בימינו אלה פסוק זה, אמנם יש לרמז על בנין הבית היהודי, להקים "דורות" ישרים, שצריך לעשותו כתבנית אשר הראה הקב"ה בהר שלא לשנות מדרך אבותינו באופן קבלת עול תורה ועול מלאכה ועול אשה, ושפיר וכן תעשו לדורות עולם.

בעריכת הרב יצחק לויפער פאר שאלות און הערות אדער צו באקומען דעם גליון *binyan@yeshivanet.com*

ביטע האלטן די גליונות פריוואט און נישט צושפרייטן אין בתי מדרשים.